אין שטראם פון לעבן

שפאנענדער ראמאן פון דעם אידישן לעבן אין אמעריקע

פון דר. ל. ב—ן

(פארזעצונג)

אין יענער צייט האט זי אמאל גע־טראפן א יונגערמאן אין ברעדלי ביטש, וואו איר פאטער האט געהאט א זומער־הויז. ביים ים איז דאס געווען, בשעת זי האט זיך געבאדן. דער יונגערמאן האט זיך געטראגן איבער די בלויע כוואליעס, האט זיי געשניטן מיט זיינע הענט אזוי שיין, אזוי גראציעז און מיט אזא קראפט, אז זי האט די אויגן פון אים ניט געקאנט אפרייסן. הויך האבן זיך געהויבן די כוואליעס און מיט שטורעם און בזיון געשריי זיך געווארפן אויפ'ן יונגערמאן, אזוי ווי פארשלינגען האבן זיי אים געוואלט. און ער קעגן זיי — א ווארף מיט די הענט און ברוסט, און א הויב געטאן זיך מיט זיין שלאנקן און אטלעטישן קערפער.

האט זי זיך דערנאך באקאנט מיט אים, און א נייער פלאם האט זיך אין איר הארצן אנגעצונדן. א יונגערמאן פון א יאר עטלאכע און צוואנציק איז ער געווען. א הויכער און שלאנקער בלאנדין, מיט בלויע אויגן, העלע האר און א העלן און לעבעדיקן שמייכל.

יעדן טאג האט זי אים דארט געטראפען; ער האט זי אפט ארויסגענומען שווימען מיט זיך, צו דעם גרויסן שרעק פון דער פערצן יאריקער רוטי'ן. און דאן האט זי אפט זיין האנט ארום איר טאליע געפילט.

דער פלאם, וואס עס האט אנגעצונדן אין איר הארצן דער דאזיקער יונגערמאן, האט זיך אלץ שטארקער און שטארקער צעפלאקערט, וואס אפטער זיי האבן זיך געטראפן. און וואס שטארקער עס האט דארטן געפלאקערט, אלץ מער האבן זיך די אנדערע פלאמען אין איר הארצן געלאשן, ביז דאס איז פארבליבן דער איינציקער שטארקער פלאם . . .

דאן האט ער איר איין מאל געזאגט, אז ער איז א קריסט. זי איז צעטומעלט געווארן. זי איז אבער פון אים ניט אנטלאפן, פארקערט, ער איז איר דערנאך אינטערעסאנטער און טייערער געווארן . . .

זי האט ניט געטראכט פיל וועגן דעם, און האט זיך ניט פארטראכט וועגן דעם. עס איז איר געווען אזוי פריילאך מיט אים, אזוי אינטערעסאנט. די צייט האט זיך געטראגן אזוי לוסטיק און אזוי אנגענעם. יעדן אוונט האט זי מיט אים שפאצירט אין עסבערי פארק, געטאנצט מיט אים אין די דארטיקע טאנץ־זאלן, וואו דער גערויש פון ים און די פריילאכע מוזיק, און די עלעקטרישע ליכט, און דער קול פון איר הארצן האבן זיך צענויפגעגאסן אין איין פייערדיקן געשריי: "מיטשל"! . . .

אבער וואס קאן ארויסקומען פון איר געפיל צו מיטשלע'ן, — פון דעם האט זי ניט געטראכט. ווי א פליג צו פייער, האט זי זיך צו אים געטראגן, ניט טראכטענדיק . . .

ביז איינמאל איז ער צו איר געקומען און האט איר דערקלערט, אז ער ליבט זי. דאן האט זי פאר זיך דערזעען א טיפן, שווארצן אפגרונט, וואס איז געשטאנען צווישן זיי ביידן, און א שרעק האט זי אנגעכאפט.

אלץ אין איר איז דאן פינסטער געווארן. וואו די פרייד האט פריער אזוי העל געזונגען אין איר נשמה, האט איצט די פארצווייפלונג פארשטיקט געבליפעט.

זי קאן ניט, און וועט ניט הייראטן א קריסט. זי וועט אירע עלטערן ניט דערהרג'ענען, און מען טאר ניט! זי אליין איז אויך געווען א רעליגיעזע פון דער נאטור . . .

ער האט צו איר גע'טענה'ט, אז ער פארלאנגט ניט קיין חתונה אין א קירך, ווייל ער איז א פריידיינקער. האט זי אים דאן געזאגט: זי ווייסט ניט, זי מוז ארומטראכטן, און איז דאן אנטלאפן. אין שטאט אריין ווי א פארפלאגטע חיה...

און אין שטאט, האט זי דאן אפט, ווען זי איז אין איר צימער געווען, גאט געבעטן, ניט קיין אויסגעלערנטע תפלה איז דאס געווען, נאר א געבעט, וואס איז אין איר הארצן געבארן געווארן:

— גאט, העלף מיך! איך וויל אים פארגעסן! . . .

און ווען די ימים נוראים זיינען אנגעקומען, איז זי דאן אין טעמפל געלאפן און דארט האט זי ווידער די איינענע תפלה, מיט עקסטאז, געמורמלט:

— גאט, העלף מיר! איך וויל אים פארגעסן! . . .

זי האט אים אבער ניט געקאנט פארגעסן. האט זי די בייגקעניש אין איר הארצן געשטיקט און איז שטענדיק ארומגעגאנגען פארטאן אין זיך.

האבן אלע אין הויז זיך געשראקן. רובינטשיק האט געלארמט: — זי איז קראנק, מען דארף זי נעמען צו א דאקטאר! — אסתר האט צו זיך געטראכט: — מען דארף א שידוך טאן פאר איר, — און שאסקע האט גע'טענה'ט: — מען האט איר אן עין הרע געגעבן.

נאר איין רוטי האט פארשטאנען וואס מיט איר איז. און איינמאל, ווען זי איז מיט עני'ן אין בעט געלעגן, האט זי זיך אנגערופן:

— עני דיר, איך פארשטיי, דו דיינקסט פון מיטשל. מען דארף ניט . . . דו קאנסט קריגן אנדערע באיעם . . .

דאן האט עני זיך א כאפ געטאן צו איר, צוגעדריקט זי צו זיך פעסט און זי האט זיך צעוויינט, און די קליינע רוטי האט מיט איר מיטגעוויינט . . .

פון יענער צייט אן האט עני געהאט פאר וועמען איר הארץ אויסצורידן . . .

א פאר חדשים זיינען דאן אוועק. און איינמאל קלינגט מען אן אין הויז און באלד קומט אריין אסתר מיט א פריילאכער מינע און זאגט צו עני'ן:

— אימיצער איז געקומען דיר זעען. דו ווייסט ווער? דיין באקאנטער פון ברעדלי, — מיטשל . . .

עני איז געבליבן שטיין, אזוי ווי מען וואלט איר מיט עפעס איבער'ן קאפ דערלאנגט, און די קליינע רוטי האט אויך אויסגעגלאצט די אויגן און איז געשטאנען מיט א צעפלאמט פנים.

דאן האט רוטי מיט אמאל זיך א כאפ געטאן:

— דו ביזסט דאך ניטא אין דער היים, עני, — איך גיי דאס אים זאגן . . .

אבער האט זי אפגעהאלטן:

— איך בין יא דא — האט זי פלוצלונג געזאגט או זאיז מיט א צעפלאמטן פנים ארויסגעלאפן אין צווייטן צימער, וואו מיטשל האט אויף איר געווארט.

ער האט איר דערקלערט, א זער האט זי די גאנצע צייט געזוכט, און ערשט די וואך האט ער אויסגעפונען דעם אדרעס פון איר הויז. ער ליבט זי נאך, ער בייגקט נאך איר, און ער קאן בשום אופן ניט באגרייפן, פארוואס אזא קליינינקייט ווי רעליגיע, זאל זיי שטערן צו זיין גליקלאך . . .

זי האט אים דאן דערקלערט ווי מען קוקט אויף אזא זאך ביי אידן; ווי איר פאטער און מוטער קוקן אויף דעם און ווי זי אליין . . . האט אים געבעטן זי צו פארגעסן. ער האט דאן פארלאנגט פון איר איין זאך: ער זאל דערוויל זיך קאנען זעען מיט איר, און ער גיט איר זיין ווארט, אז ער וועט זיך באמיען צו בארואיקן.

עני האט פארשטאנען אז זי דארף אים דאס ניט דערלויבן, אז זי אליין טאר אים אויך ניט זעען; אבער זי האט קיין כח ניט געהאט אים אפצוזאגן. דאן וואלט עס געהייסן אים גראב צו פארשטויסן, — דאס האט זי ניט געקאנט . . .

און ווידער האבן זיי זיך גענומען טרעפען. איז מיט אים אמאל אין א טעאטער ארויסגעגאנגען און אויף א באל.

אין דער היים וואלט מען געווען מער צופרידן געווען ווען זי וואלט מיט א אידישן באי ארומגעגאנגען, אבער שטערן איר מיט אים ארויסצוגיין, האבן זיי ניט געזעכנט פאר נויטיק, זיי איז ניט איינגעפאלן, אז עפעס זאל זיין צווישן זיי, און, חוץ דעם, איז עס ניט געווען דער ערשטער מאל וואס עני איז ארויסגעגאנגען מיט א פריינדין א קריסטן, אדער מיט א קריסטלאכן באי.

נאר רוטי האט דאס ניט געוואלט ליידן, און אפט פלעגט זי זאגן צו עני'ן:

— איך מוז דאס דערציילן רבי בערענשטיין. — פליז עני, דו ווייסט דערהרג'ענען פאפא און מאמא, און מיר אויך! פליז, עני, היים אים גיין צום טייוול! . . .

און עני האט איר געענטפערט ::

— און דו ליידסט דען ניט? און איך לייד דען ניט? פליז, עני, זאג אים, אז ער זאל זיך פארליבן אין אנדערער. דו ווייסט וואס? באקאן מיט זוזי'ן. איר פאטער וועט ניט ארן, אז זי וועט הייראטן מיט א קריסט.

— דו ביזט א קינד, רוטי, — האט דאן זיך עני אפגערופן.

— יא, — האט רוטי געזאגט. — דאס איז דאך דער אומגליק. וואס איך בין ניט געגוג גרויס. ווען איך זאל זיין אזוי גרויס ווי דו, וואלט איך שוין געוואוסט וואס צו טאן . . .

— וואס וואלסטו געטאן?

— איך וואלט אים געמאכט צו פארליבן זיך אין מיר, און איך וואלט דיר באפרייט פון אים, און דערנאך וואלט איך אים אנגעוויזן אויף אימיצן און אים געזאגט: — יענע איז פאר דיר א כלה, מר. מיטשל . . .

און דאן איז רוטי צו איר צוגעשטאנען:

— עני, פוידער ניט דיין פנים, טו זיך אן אין אלטע קליידער, מאך זיך מיאוס, וועט ער פון דיר אנטלויפן . . .

עס האט ניט געהאלפן. מאנאט'ן זיינען אוועק און עני האט זיך מיט אים אלץ געטראפן, און זי איז א סך לעבעדיקער און פריילאכער געווארן.

ביז איינמאל האט רוטי זיי געטראפען ביי עני'ן אין צימער, בשעת ער האט פען ביי עני'ן אין צימער, בשעת עך האט זי געקושט. זי האט זיך צעוויינט און איז ארויסגעלאפן פון צימער. און אין יענעם אוונט האט זי אנגעקלונגען ביי ראבי בערענשטיין אין הויז. און ווען ער האט פאר איר די טיר געעפנט, האט זי, כליפענדיק, אים געזאגט, אז זי מוז אים זעען און קיין מענש אין דער וועלט טאר ניט וויסן, וואס זי וועט אים דערציילן. און ווען ער האט איר אריינגעפירט אין זיין פריוואט צימער, האט, האט זי אויף איר קינדערשן און נאאיוון אופן, כליפענדיק, אים אלץ דערציילט און געענדיקט:

— רבי בערענשטיין, זאגט איר אז גאט וועט זי שטראפן, ווען זי וועט דערהרג'ענען פאפא און מאמא און מיך. זאגט אבער גארנישט ביי אונז אין דער היים, פליז!

(פארזעצונג קומט)

Melchers
Gold Cross
Canadian Gin
די סאמע געשמאקסטע פון ליקערס

מאנופעקטשורט אין קאנאדע אונטערן קאנטראל פון פעדעראלער רעגירונג. דיסטילירט פיר מאל און געעלטערט אין באנד פאר יארן.

צוויי סייזעס:
40 אונסעס
26 אונסעס

Distillery: Berthierville, Que.
Head Office: Montreal
Distillers since 1898

MELCHERS Distilleries Limited

די אידנבּרידזשער יוגנט צאלט איר חוב

פון מ. אוסישקין

אין איינעם א זונטאג אוונט, צום מאסקן באל, האט מען אנגעפילט דעם זאל מיט מענשן פון פארשיידענע נאציאנען, געקליידעט פון פארשיידענע צייטן. ס'האבן זיך באוועגט אינדיער, כינעזער, ציגיינער, אוקראינער, מאטראסן, און סתם שאטנס.

דעם ערשטן פריז האט געוואונען א מיידל געקליידעט ווי אן אריסטאקראטישע פרוי פון אכצעטנטן יארהונדערט. א צווייטן פריז האט געוואונען א מיידעל געקליידעט ווי א ציגיינערין. און א דריטע מיידל האט געוואונען א פריז פאר שיין טאנצן. איינער, דער פירער, וואס איז געווען געקליידעט ווי א שווער אויסצומאלן, נאר אויסערגעוויינלאך קאמיש, ער האט אמוזירט דעם עולם מיט זיינע באוועגונגען און אנעקדאטן, און אלע האבן געטאן זייער פליכט לויט זייערע אויפגאבן.

א וואך שפעטער, די עלטערע האבן געמאלדן א ליטעראַרישן אוונט פונקט זיבן אזייגער אין אוונט. ארויסגעקומען איז עס ניין (אומעטום איין וועלט). עס האבן זיך צוזאמען געקליבן א גאר היבשער עולם, יונג און אלט. ווי ס'ווייזט אויס בראקירט מען אין אידנברידזש מיט ליטעראַרישע ימים־טובים. און מען האט טאקע זייער געשמאק געלייענט, און נאכדעם האט מען זיך היבש געקאכט. יעדערער האט געוואלט דערווייזן אז ער ווייס בעסער, און שפעטער האט מען פארביסן מיט אביסל הומאר, פון וואס מען האט היבשלאך געלאכט. אבער דער פארזיצער פונ'ם אוונט וואס איז ווי עס ווייזט אויס געווען באגייסטערט און האט ניט געוואלט אזוי פרי פארלאזן דעם זאל, אדער ער האט געהאט א באזונדערע כוונה, און ער האט ארויסגערופן די יוגנט איינעם נאך איינעם. די יוגנט וואס זיינען זיך צוזאמענגעקומען אויף ניי יאר אהיים. צוערשט האט ער ארויסגערופן די לערער (דעם ערשטן יאר). יעדערער פון זיי האט געפונען וואס צו זאגן אונז, און כמעט אט די אלע לערער האבן אונז באוויזן אז א לערער איז זייער א פאראנטווארטלאכע פערזאן, און אז מ'קאן קיין גוטער לערער ניט זיין, סיידן מען האט ליב די פראפעסיע און ווי מיר האבן אויסגעפינען נאך זייערע רייד, זיינען זיי ווערט זייערע פאסטנס.

איינער א בחור, א געוועזענער לערער (איצט אין ביזנעס), וואס איז אגב אויך א גוטער קאמיקער, האט מיט זיין רייד געלערנט די צוקונפטיקע לערער ווי אזוי מ'דארף זיך אויפפירן מיט קינדער שטיפער און געווינען זייער צוטרויען, און אין דער זעלבער צייט האט ער דעם עולם אנגעצויגן צום לאכן.

שפעטער איז געקומען די רייע פון די גאר יונגע, וואס זיינען איצט נאך אין נארמאל סקול. איינער אן אימיגראנט, וואס איז ניט לאנג אין לאנד, איז אבער זייער א פייאיקער בחור, האט דערציילט ווי אזוי ער האט געפילט דעם ערשטן טאג ווען ער האט געלערנט מיט קינדער, ווען א לערער שטייט דערביי און קריטיקירט. ער האט זיך אבער ניט פארלארען, א צווייטער האט אויך כמעט דאס זעלבע געזאגט, א דריטער האט אונז דערציילט פון א קאנצערט וואס זיי האבן געהאט אין נארמאל סקול, און ווי יעדער איינער פון די שילער האט געדארפט פארטרעטן א פאלק, און ווי אזוי א טייל פון זיי האבן געלויבט זייערע פעלקער אלס גוטע טענצער. ער האט פארטראטן דעם אידישן פאלק, און ווי אזוי ער האט אויפגעוויזן אז אידן זיינען א פאלק וואס שטרעבט צו שלום און איינהייטלאכקייט. פון אמאל און אויך איצט אלס אווטאריטעטן האט ער גענומען: אברהם אבינו, דעם רמב"ם, שפינאזא, בערגסאן און איינשטיין. פארוואס ער האט געקראגן זייער א ווארימען האנטדרוק פון די לערער.

א וואך שפעטער, חנוכה. א קאנצערט אין שול. יונג און אלט האבן אנגעפילט די שול. אויף דער בימע באוויזן זיך קינדער — אזעלכע וואס שפילן צו דעם ערשטן מאל. גוט גרימירט, און פירן דורך צוויי סקעטשעס אין ענגליש זייער גוט. און בעסער וואלט נאך געווען ווען זיי שפילן אן א סופליאר, ווייל דער סופליאר וואס האט זיך געהערט ניט ווייניקער ווי די אקטיארן, האט א סך אראפגענומען. די עלטערע פון דער יוגנט וואס האבן שוין געשפילט אויך פריער, האבן געשפילט אן איין אקטער: "א טראגעדיע דורך שפאס" פון יעקב גארדין, און זיי זיינען אויך געווען גוט גרימירט אבער אויך דאס איינגע, דורך דעם וואס זיי האבן באנוצט א סופליאר האט עס היבשלאך פארלארן, און ווען ניט אט דער חסרון, קאנען מיר זיי געבן דעם פולסטן קרעדיט.

עס האבן אויך געזונגען און דעקלאמירט די קליינווארג, אלע זיינען געווען צופרידן.. אויך דער פירער פון ד ע ר יוגנט האט ביינגעטראגן זיין חלק. אויך ער איז ליידער ניט געגאנגען. מען האט פארביסן מיט א טאנץ כדת אמעריקע ואידנברידזש.

עטלאכע טעג שפעטער (ניי־יאר), האט מען אנגעסירט נאך א צוזאמענקונפט. אונזער יוגנט, מעגן זיי קומען צו גאסט אויף א ווייל? קאנען ליידיק ניט זיין, און ווען דער זאל איז שוין געווען געפאקט, האט מען אנגעזאגט אז ס'וועלן דעבאטירן צוויי קעגן צוויי. עס וועלן ריידן צו זיבעצן מינוט יעדערער, און צו פיר מינוט האבן די ערשטע צוויי רעדנער א פריווילעגיע צו צוקלאפן זייערע קעגנער. די טעמע איז געווען: "אויב די ציטונגען ברענגען מער נוצן איידער שאדן". פון אנהויב האבן די פארזאמלטע מישט געגלויבט אז אזא זאך ווי צייטונגען קאנען ברענגען שאדן, ווייל יעדערער איז דאך אזוי פאראינטערעסירט אין די צייטונגען, אז צייטונגען וואלט דאך אונזער ציוויליזאציע פארטונקלט געווארן. אבער ווען די רעדנער האבן געטאן זייער פליכט, האט מען געעפנט מויל און אויערן.

געוואונען האבן די אפפארמאטיווע, אז צייטונגען ברענגען מער נוצן איידער שאדן. די ריכטער האבן אבער דערביי אבער געגוג געשוויצט, ווייל זיי זיינען געווען כמעט גלייך, און נאר מיט א פאר פונקטן האבן זיי געוואונען. צענויג געקומען איז די ריכטער א טעכנישער דריידעל, מען האט אראפגענומען פון די פארלירער צוויי פונקטן פאר צוויי גראמאטישע טעות'ן. פאר אונז פארשטייט זיך איז ניט וויכטיק ווער פון זיי עס האט געוואונען. פאר איז געגוג דער פאקט אז צייטונגען וואס זיינען דער פולס פון דער מענשהייט, דארפן היבשלאך רעפארמירט ווערן, אזוי, עס זאל ניט ברענגען קיין ברעקל שאדן.

קליינע קינדער פון זיבן ביז צוועלף יאר אלט האבן געשפילט צוויי מלאכים פון יקנה"ז, אבער וועגן דעם וועלן זיי אליין שרייבן.

אין דער זעלבער צייט האבן מיר געהאט נאך א צופעליקן יום־טוב. דורך א צופאל האט מען געפונען אין וויניפעג א יונגן מאן וואס איז געקומען קיין וויניפעג חתונה צו האבן. דער יונגערמאן, א. סיגאל, האט געפונען אין וויניפעג זיין אנקל, ר' חיים אבא גארדאן מיט זיין פרוי, וועלכע זיינען שוין געווען פון זיין צד אונטערפירער.

און איידער ער האט נאך צייט געהאט אוועקצופארן האט מען אים ארויסגערופען קיין אידנברידזש, צו זיינע קאזינס, די ברידער גארדאן, ווייל געלאזן האט מען אים א ברעקל קיטר, אויך די קאזינס זיינען געווען זייער יונגע, און איצט נאכדעם ווי מען האט זיך ניט געזען פאר 23 יאר.

און מיר, אידנברידזשער פארמער בכלל, און זיינע ווילנער לאנדסלייט בפרט, האבן אים אויפגענומען ווי פארמערס קאנען. און דער גאסט איז געווען העכסט צופרידן. אגב, ווען ער האט ביינגעוואוינט אונזערע קאנצערטן און דעבאטעס האט ער אונז אין א רעדע געגעבן אונז עטלאכע קאמפלימענטן פאר אונזער אידיש רעדנדער יוגנט, און אז מיר האבן זיך גארניט וואס צו שעמען פאר די גרויס שטאטיקע.

און איצט שרייבט ער פון ניו־יארק אז אידנברידזש וועט אים איבער פארבלייבן אין זיין זכרון, און ער וועט אונז קיינמאל ניט פארגעסן.

"דאס אידישע ווארט"
דינט די אינטערעסן פון אלע אידן פון מערב קאנאדע — פון די גרויסע לייקס ביז דעם פאסיפישן אקעאן.

"דאס אידישע ווארט"
העלפט בויען און באפעסטיקן דעם יונגן אידישן ישוב פון מערב קאנאדע וועלכער איז צעשפרייט איבער ריזיקע שטחים פון די פּריירי פּראווינצן.

"דאס אידישע ווארט"
איז דער צעמענט וואס האלט צוזאמען דעם פארצווייגטן אידישן קיבוץ, מיט זיינע אינסטיטוציעס און אנשטאלטן, העלפנדיק לייגן א ציגל צו א ציגל צו דעם נייעם גרויסן בנין פון אונזערע מערב פּראווינצן.

לייענט און פארשפרייט
"דאס אידישע ווארט"
געדרוקט אין אייער שפּראך און אין אייערע אינטערעסן!

פּרינטינג און אדווערטייזינג
דאס זיינען אונזערע צוויי פאכן!
ווענדעט זיך צו אונז אין אלע אייערע באדערפנישן פון דרוק ארבעט און צייטונגס אנאנסן, און מיר גאראנטירן אייך
פולקאמענע צופרידנהייט

THE ISRAELITE PRESS LIMITED
165 Selkirk Ave. Phone 52-213

Doctors' Directory דאקטוירים

IN ALPHABETICAL ORDER

	Residence	Office
דר. ה. ד. אייזעקס, 367 סעלקירק עוועניו אפיס שטונדן פון 3—5 און פון 7—8 DR. H. D. ISAACS	54 107	54 107
דר. ס. דזש. בערמאק, 834 מיין סטריט אפיס שטונדן פון 2—4 און 7—8 DR. J. C. BERMACK	51 250	53 578
דר. דזש. ברענער, 367 סעלקירק עוועניו אפיס שטונדן: פון 3—5 און פון 7—8 DR. J. BRENER	54 107	54 107
דר. נארמאן בוק, 414 באיד בלדג. אפיס שטונדן 2—6 און ביי אפאינטמענט. רעז סוויט 3 עבער אפטס. מאונטען און אייקינס DR. NORMAN BOOK	55 076	86 115
דר. א. גוטמאן, 5—304 עוועניו בלאק 265 פארטעדזש עוועניו אפיס שטונדן: 10—12, 2—6 און ביי אפאינטמענטס DR. A. GUTTMAN	53 422	26 947
דר. ס. דזשאוויש, 404 באיד בלדג. שטונדן. 11—12 און 3—6 און ביי אפאינטמענטס DR. SIMON JAUVOISH	54 429	22 717
דר. ל. הענעל, 652½ מיין סט. (צווישן הענרי און לאגאן) אפיס שטונדן 11—12, 2—6 און ביי אפאינטמענטס DR. L. HENNELL, L.R.C.P. (London) M.R.C.S. (England)	59 473	23 272—
דר. ה. הערשפילד, 576 מיין סט., קאר. אלעקסאנדער עוו. אפיס שטונדן 11—1, 2—5 און 7—9 DR. H. HERSHFIELD	51 162	26 600
דר. ב. א. וויקטאר, קאר. סעלקירק און סאלטער (איבער דער באנק) אפיס שטונדן פון 3—5 און 7—8 DR. B. A. VICTOR	51 772	52 744
דר. ה. יאפע, ב.א. ב.ס.סי. ל.מ.סי.סי (דר. דשז. פּ. דזשארדזש און דר. ה. יאפע) אפיס: 739 סעלקירק עוועניו. שטונדן 2—5.30 און 6.30—8 DR. J. P. GEORGE & DR. H. JAFFE		52 571
דר. א. מאיס, סט. דזשאנס בלאק, פריטשארד און מיין אפיס שטונדן פון 2—4.30 און 7—9 DR. A. MOYSE	52 278	53 720
דר. י. פערלמאן, 291 באראוס עווע., קאר. טשארלס אפיס שטונדן פון 3—5 און 7—8 DR. I. PEARLMAN	53 181	53 181
דר. י. בן דוד פעלדמאן, 613 באיד בלדג., שטונדן 3—6 רעז. 396 סעלקירק עווע. DR. J. BEN-DAVID FELDMAN	55 771	23 593
דר. ס. קאברינסקי. סוויט 2 קראמפ בלאק (מיין און דאפערין עווע.) אפיס שטונדן פון 3—5 און 6.30—8 DR. S. KOBRINSKY	51 968	54 866
דר. מעקס ריידי (עקס רעי) 283 פארטעדזש, קאר. סמיט (100 טאראנטא דזשענ. טראסט בלדג.), לעבן איטאנס שטונדן: פון 2—6 אוונט אן ביי אפאינטמענטס DR. MAX RADY	49 763	24 480
דר. סעם ראדין, ראיאל בענק בילדינג (מיין און סעלקירק) אפיס שטונדן פון 3—4 און 6—8 DR. SAM RODIN	52 614	53 915
דר. א. ל. שובין, אפיס שטונדן 11—12 און 2—6 אפיס: בענק אף קאמערס בלדג., מיין און אלעקסאנדער רעזידענס: 414 סטעלא עווע. DR. A. L. SHUBIN	59 473	88 916
אויגן, אויערן, נאז און האלז		
דר. י. ה. בעקמאן, 800 באיד בילדינג DR. J. H. BECKMAN	51 848	28 281
דר. ד. מ. דזשענאף, 2-830 סאמערסעט בלאק DR. D. M. GENOFF	51 359	24 465

Dentists Directory דענטיסטען

IN ALPHABETICAL ORDER

	Residence	Office
דר. י. בן עזרא, ב.א. 962½ מיין סט. קאר. סעלקירק DR. I. BEN EZRA, B.A.	41 652	51 560
דר. מ. א. ברעגמאן, סוויט 1 סט. דזשאנס בלק., 984 מיין סט. DR. M. A. BREGMAN		53 720
דר. ס. אי. גרינבערג, 414 באיד בילדינג. DR. S. E. GREENBERG.		86 115
דר. ס. טשוירטשיל, סוויט 1, טריק בלאק, 972 מיין סטריט. DR. S. H. CHURCHILL		56 056

היימאן און העסטרין
באריסטערס, סאליסיטארס און א. וו.
216 — מעקאינטייר בלאק — 216
טעלעפאן 21 627
מר. העסטרינס וואוינונג:
306 סט. דזשאנס עווע., טעל. 53 133

שינביין, מאראזניק און ראבלין
Shinbane, Morosnick & Roblin
Barristers, Solicitors and Notaries
באריסטערס, סאליסיטארס, נאטאריוס
Office: 207-8 Confederation Life Bldg.
457 Main St. Opposite City Hall
טעלעפאן 21 345—6

טשערניאק, קאפשטיין און ספיוואק
Barristers, Solicitors, Etc.
אפיס: 671 מיין סטריט
טעלעפאן: 24 591 און 24 666

א. ע. קאנטאר
אדוואקאט און נאטארי
A. E. CANTOR
אפיס 111 באן אקארד בלק. 645 מיין סט.
טעלעפאן 89 223
רעזידענס:
103 בענערמאן עווע., טעל. 51 353

ה. שולמאן
אדוואקאט און נאטארי
געלט צו לייען אויף 6½ פּראצענט
אפיס: 592 מיין סטריט
H. SCHULMAN, B.A., LL.B.
לאו אפיס
Ste. 11, 592 MAIN STREET
צווישן לאגאן און אלעקסאנדער
טעלעפאן 88 462